ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת בראשית

באידיש

**501**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק ראשון

## • בראשית •

❁

ער איז מבאר דעם ענין פון מענטשנ'ס באַשאַפונג און ווי מען קען לערנען פון אדם הראשון וואָס איין חטא קען גורם זיין

❁

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

בס"ד

# אינהאלט

## פון ערשטער פרק


א. אַלץ וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אויף דער וועלט האָט ער באַשאַפן אינעם מענטש, און אויב ער איז פוגם אין אַן אבר איז ער פוגם אין דעם חלק וואָס איז מרומז אין דעם אבר........................................ ו

ב. אַ ביאור אויפן מאמר חז"ל "אחטא ואשוב"........................................ י

ג. דער מענטש דאַרף זיך באַמיען צו טוהן אַ מצוה וואָס ער פוילט זיך עס מקיים צו זיין, ווייל אויף דעם איז ער אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט.......... יב

ד. דער מענטש דאַרף זיך אַרומקוקן ווי די רשעים זענען אַוועק פון דער וועלט און עס איז גאָרנישט געבליבן ביי זיי........................................ יג

ה. זאָלסט לערנען כאָטש דו פאַרשטייסט נישט וואָס דו לערנסט........................................ יד

ו. דער מענטש דאַרף לערנען וואָס זיין האַרץ גלוסט מער, און אויף דעם קומט ער אויף דער וועלט........................................ טו

ז. דער מענטש קומט אַראָפּ אויף דער וועלט צו טוהן די מצוה אויף וואָס דער יצר הרע איז זיך מער מתגבר אויף אים ער זאָל עס נישט טוהן........................................ טז

ח. אַז מ'לערנט נישט יונגערהייט, ווי קען מען דאָס פאַרריכטן אויף דער עלטער!........................................ יז

ט. ער זאָל זיך מוסר נפש זיין אַז זיינע קינדער זאָלען לערנען תורה........................................ יז

י. אַן עושר זאָל אויסהאַלטן מיט זיין געלט אָרעמעלייט און תלמידי חכמים........ יח

יא. פאַרוואָס האָט מען געגעבן דעם עושר עשירות!........................................ יט

יב. אויב דער עושר טוט נישט וואָס ער דאַרף, נעמט מען אים צו דאָס עשירות. – אַן אינטערעסאַנטע מעשה........................................ יט

יג. מיט געבן צדקה קויפט זיך דער עושר עולם הבא, און מען איז אים מוחל אַלע עבירות........................................ כא

יד. שלמה המלך ע"ה האָט איבערגעלאָזט זיין גאַנץ עשירות אויף דער וועלט, און האָט מיט זיך נאָר מיטגענומען זיין גאַנצע נשמה........................................ כב

טו. ווען נישט שלמה המלך ע"ה וואָלט געשריבן די דריי ספרים, וואָלט מען היינט גאָרנישט געוואוסט אַז עס איז אַמאָל געווען שלמה המלך, ווי ער זאָגט אין קהלת "ויותר מהמה בני הזהר עשות ספרים הרבה אין קץ"............ כג

טז. דו עושר! גיב אַכטונג אַז דיין עשירות זאָל נישט זיין דיין גרעסטער שונא, אַז פון דיינע וועלדער אוןביימער זאָל מען נישט אָפּהאַקן צו מאַכן גרעסער דיין פייער אין גיהנום........................................ כג

יז. אַ תשובה פאַרן יצר הרע וואָס רעדט אים איין אַז ער קען זיך נישט אויסאַרבעטן און אָנקומען צו די העכסטע מדריגות........................................ כה

יח. צדיקים האָבן זיך אויסגעאַרבעט און זענען אַרויף לעבעדיגערהייט אין הימל, און אַנדערע וואָס זייער גוף איז נישט פאַרפוילט געוואָרן אין קבר, ווייל זיי האָבן זיך אויסגעאַרבעט........................................ כו


❖ ❖ ❖

# פרק ראשון

**א. יתברך,** געלויבט זאָל זיין דער באַשעפער און דערהויבן זאָל ער זיין וואָס האָט באַשאַפן זיין וועלט אין זעקס טעג און האָט באַשאַפן פינצטערניש. פון דער פינצטערניש האָט ער אויסגעצויגן ליכטיגקייט און האָט געמאַכט אַ צווישנשייד צווישן ליכטיגקייט און פינצטערניש.

**וברא,** און האָט באַשאַפן הימלען און אין זיי אַריינגעזעצט די זון, די לבנה און שטערן, זיי זאָלן לייכטן אויף דער ערד. און אויף דער יבשה האָט ער געמאַכט ימים און טייכן.

**וגזר,** און האָט באַפוילן די ערד זי זאָל אַרויסציען גראָז און אַלערליי מיני בליאונג, געוויקסן אוןביימער וואָס עס וואַקסן אויף זיי פירות צום עסן, וואָס איינס פון אַנדערן איז פאַרענדערט אין זייערע טעמים און פערשידן אין זייערע פאַרבן און אין זייער ריח.

**ושם,** און האָט באַשאַפן אויף דער ערד בהמות און חיות, עופות און פייגל. און אין די ימים און טייכן האָט ער באַשאַפן פיש וואָס איין מין איז אַנדערש פון דעם אַנדערן מין.

**הכל,** דאָס אַלץ האָט ער אָנגעגרייט פאַר דעם מענטש וואָס ער האָט באַשאַפן, וואָס ער איז דער בעסטער פון אַלע באַשעפענישן. ווייל ער האָט אים באַשאַפן אין דער פאָרעם פון השם יתברך און האָט אים געמאַכט געוועלטיגן איבער אַלעם וואָס ער האָט באַשאַפן. האָט אים באַצירט און האָט אים געבאָטן ער זאָל אים דינען און זאָל היטן זיין תורה און מצוות. דאָס האָט דער באַשעפער ב״ה געטוהן כדי ער זאָל דעם מענטש גוטס טאָן ווען ער וועט היטן זיין תורה און מצוות און אים זעצן העכער פון די שרפים און אופנים און מלאכים און האָט אים באַשאַפן מיט צוויי הונדערט און אַכט און פערציג איברים אַזוי

פיל ווי די צאָל פון די מצות עשה און דריי הונדערט און פינף און זעכציג אָדערן אַזוי פיל ווי די צאָל פון די מצוות לא תעשה.

**ב. ורמז,** און אין זיינע איברים האָט ער מרמז געווען אַלע באַשעפענישן וואָס ער האָט באַשאַפן אויפן הימל און אויפן ערד, ווייל אַלץ וואָס איז דאָ אויף דער וועלט איז דאָס פאַר דעם מענטש אַזוי ווי דער פסוק זאָגט: אַלץ האָסטו געטאָן אונטער זיינע פיס.

**ויכוננהו,** און דער אויבערשטער מיט זיין גרויס חכמה האָט אים צוגעגרייט, מיט שיינע איברים און מיט אַ שיינע געבוי אַזוי ווי עס שטייט אין ספר סמ"ג, דער אויבערשטער ב"ה האָט באַשאַפן דעם מענטשן מיט פיל עפענונגען. ער האָט אים באַשאַפן אויגן ער זאָל מיט זיי זען, און אים געמאַכט ברעמען ביי די אויגן ער זאָל קענען צומאַכן די אויגן און שלאָפן, און אויך כדי נישט צו קוקן אויף שלעכטע זאַכן, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט "**עוצם עיניו מראות ברע**" ער מאַכט צו זיינע אויגן פון צו זען שלעכטס.

**עשה,** ער האָט אים באַשאַפן אויערן אַז ער זאָל קענען הערן. נאָז-לעכער ער זאָל שמעקן און זאָל אַרויסגעבן די איבעריגע פייכטקייט פון קאָפּ. דאָס מויל צו עסן און רעדן, ציין צו קייען דאָס עסן, די צונג צו קנעטן מיט איר דאָס עסן אין מויל און כדי שאַרף צו רעדן. ער האָט אים באַשאַפן דעם שלונג און וושט, כדי אַראָפּצושלינגען דאָס עסן און טרינקען. ער האָט אים געמאַכט דעם גאָרגל אַריינצוברענגען און אַרויסצוגעבן דעם אָטעם פון האַרצן און דער לונג אין דער נאָז און אין מויל, און אויך אַרויסצוגעבן דאָס קול וואָס קומט פון דער לונג אָדערן. ער האָט אים באַשאַפן דאָס הארץ אַן אָרט פאַרן אָטעם און דער מחשבה-קוואַל.

**ג. עשה,** ער האָט אים באַשאַפן דעם מאָגען אַז ער זאָל אין אים פאַרדייען דאָס עסן און טרינקען צו שפייזן דעם גוף כדי ער

זאָל קענען לעבן.

**עשה,** ער האָט אים באַשאַפן פון זיין רעכטער זייט די לעבער מיט דער רויטער גאַל און דאָס בלוט אין דער לעבער צו וואַרעמען דעם מאָגן, און דורך די היץ, ווערט געקאָכט דאָס עסן און טרינקען אינעם מאָגן. ער האָט אים באַשאַפן געדערים דורכצופירן דאָס פסולת פונעם עסן און טרינקען דורכן מאָגן. ער האָט אים באַשאַפן צוויי נירן איןביידע זייטן, מיט דער היץ פייכט-קייט צו וואַרימען דאָס אונטער-לייב און אים שטאַרקן, ער זאָל קענען זיין צורך טאָן. און נאָך האָבן אונזערע חכמים ז"ל געזאָגט, אַז דאָס האַרץ טראַכט און די נירן געבן דעם מענטש די עצות.

**עשה,** ער האָט אים באַשאַפן אין זיין לינקער זייט די מילץ מיט דער שוואַרצער גאַל צו קילן די געדערים און בויך, כדי דאָס עסן און טרינקען זאָל נישט פאַרדאַרט און פאַרטריקנט ווערן מחמת דער היץ פונעם בלוט אין דער לעבער. נאָך האָבן אונזערע חכמים געזאָגט אַז די מילץ צומאָלט דאָס עסן.

**עשה,** ער האָט אים באַשאַפן די שדרה ביינער און אויך די איבעריגע ביינער כדי דער געבוי פון גוף זאָל זיין שטאַרק.

**שם,** ער האָט אים געמאַכט פלייש אויף די ביינער צו וואַרימען די ביינער. ער האָט אים באַשאַפן אָדערן מיט בלוט צו באַפייכטן דעם גוף און דאָס בלוט גייט פון איין זייט צו דער אַנדערער. ער האָט באַשאַפן די "האָר פלאַקס" ["סכיס"="קאַרטלעדזש"] צו האַלטן באַהאָפטן די ביינער מיט די איברים. ער האָט באַשאַפן גלידער אין דער שדרה און קניפּן וואָס די הענט, אָרעם, פיס, דיך, קניען, שענקלען, באַלן פון די הענט און פיס און די גלידער פון דעם האַלז און די אַקסלען זענען צוזאַמענגעקניפּט, כדי דער מענטש זאָל זיך קענען אויסציען, קניען, זיך אויפשטעלן און זעצן.

**קרם,** ער האָט איבערגעצויגן אַ הויט אויף דעם פלייש, ביינער און אָדערן, צו באַדעקן דעם גוף ער זאָל זיין וואַרעם און נישט פאַרקילט ווערן, און שיצן די פייכטקייט פון גוף און די אינעווייניגסטע איברים.

**עשה,** ער האָט אים באַשאַפן אַ קאָפּ, ער זאָל זיין אַ רעגירער איבער אַלע איברים, און אין אים באַשאַפן דעם מוח, וואָס דאָרט זאָל רוען דער שכל און חכמה פון דער נשמה.

**ד. עשה,** ער האָט אים באַשאַפן פייכטקייט אַרום דעם מוח כדי דער מוח און די אויגן זאָלן נישט פאַרטריקנט ווערן פון דער געדערים-היץ, וואָס גייט אַרויף פון מאָגן צום קאָפּ. ער האָט אים באַשאַפן האָר אויפן קאָפּ אים צו וואַרימען, ער זאָל נישט פאַרקילט ווערן, ווייל צווישן דער הויט און צווישן דעם ביין פון קאָפּ איז נישטאָ קיין פלייש. ער האָט אים באַשאַפן די באָרד-האָר, כדי ער זאָל האָבן אַן הדרת פנים און זיין אָפּגעטיילט אין געשטאַלט פון פרויען. ער האָט באַשאַפן דעם נאָפּל כדי ווען דאָס קינד איז נאָך אין דער מוטערס בויך ביז ער גייט אַרויס אויף דער וועלט זאָל ער זיך אַזוי אַרום דערנערן, ווייל דאָרט איז אים דאָס מויל פאַרמאַכט. ער האָט אים באַשאַפן הענט ער זאָל קענען מיט זיי האַלטן, אָנטאַפּן און טאָן אַ מלאכה. ער האָט אים באַשאַפן פיס כדי דער גוף זאָל שטיין אויף זיי צו פירן און ברענגען אים אויף יעדן אָרט וואו ער באַדאַרף. און ווען דער מענטש גייט אַרויס אויף דער וועלט מאַכט ער אים וואַקסן און העלפט אים פאַרשידן אַרטיג.

**אַלץ וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אויף דער וועלט האָט ער באַשאַפן אינעם מענטש, און אויב ער איז פוגם אין אַן אבר איז ער פוגם אין דעם חלק וואָס איז מרומז אין דעם אבר**

**ה. וכיון,** און אַז עס איז אַזוי, ווי קען דער מענטש אַזויפיל מצוות

טאָן צו דאַנקען דעם באַשעפער ברוך הוא, וואָס ער האָט געטאָן און טוט מיט אים תמיד זינט ער לעבט. און ווי קען ער עובר זיין אויף זיינע רייד מבטל צו זיין אַפילו איין מצוה פון זיינע מצוות, ווייל עס איז גלייך ווי ער מאַכט חרוב אַ זאַך פון דעם באַשאַף, וואָס ער האָט באַשאַפן פאַר זיינעט וועגן. ווייל די צאָל פון זיינע איברים זענען לויט די צאָל פון די מצוות. יעדע מצוה איז באַשטימט קעגן אַן אבר, און אַז ער איז פוגם אַן אבר איז גלייך ווי ער איז מחריב אַ טייל פון באַשאַף וואָס איז מרומז אין דעם אבר. ווייל אַלץ וואָס דער באַשעפער האָט באַשאַפן אין דער וועלט האָט ער באַשאַפן אינעם מענטשן ווי עס שטייט אין "**אבות דרבי נתן**", גאָט ב"ה האָט באַשאַפן די וועלט מיט חכמה און מיט פאַרשטאַנד און האָט באַשאַפן הימל און ערד און אויבערשטע באַשעפענישן, מלאכים און אַלע באַשעפענישן פון דער ערד און האָט באַשאַפן אין דעם מענטש אַלץ וואָס ער האָט באַשאַפן אין זיין וועלט.

**ו. ברא,** ער האָט באַשאַפן וועלדער אויף דער וועלט און האָט באַשאַפן וועלדער אין דעם מענטש, דאָס זענען די האָר. ער האָט באַשאַפן אַ חיה רעה אויף דער וועלט און האָט באַשאַפן אַ חיה רעה אין דעם מענטש, דאָס זענען די ווערים אין לייב. ער האָט באַשאַפן היילן אין דער וועלט און האָט באַשאַפן היילן אין דעם מענטש, דאָס זענען די אויערן. ער האָט באַשאַפן אַ ריח אין דער וועלט און האָט באַשאַפן אַ ריח אין דעם מענטש, דאָס איז די נאָז. ער האָט באַשאַפן די זון אויף דער וועלט און האָט באַשאַפן אַ זון אין דעם מענטש, דאָס זענען די אויגן. ער האָט באַשאַפן אומריינע וואַסער אויף דער וועלט און אומריינע וואַסער אין דעם מענטש וואָס גייט אַרויס פון זיין נאָז. ער האָט באַשאַפן געזאַלצענע וואַסער אויף דער וועלט און געזאַלצענע וואַסער אין דעם מענטש, די טרערן. ער האָט באַשאַפן מויערן אין דער וועלט און אין דעם מענטש, דאָס זענען די ליפּן וואָס זיי שיצן אויף

דער צונג. טירן אין דער וועלט און אין דעם מענטש, דאָס זענען די ציין וואָס שליסן דאָס מויל.

**ז. ברא,** ער האָט באַשאַפן זיסע וואַסער אין דער וועלט און אין דעם מענטש, דאָס שפּייעכץ. ער האָט באַשאַפן טורעמס אויף דער וועלט און ביי אַ מענטש דעם האַלז. ער האָט באַשאַפן האַקן אין דער וועלט און ביי דעם מענטש די פינגער. ער האָט באַשאַפן מילן אין דער וועלט און אין מענטש דעם מאָגן וואָס צומאָלט דאָס שפּייז. ער האָט באַשאַפן קוועלנדיגע וואַסער אין דער וועלט און אין דעם מענטש זיין השתנה. ער האָט באַשאַפן אַ כוח פון לעבן אין דער וועלט און דאָס גלייכן אין מענטש, ער זאָל קענען האָבן קינדער. ער האָט באַשאַפן פערד אויף דער וועלט און ביי אַ מענטש די שענקל. ער האָט באַשאַפן אַ מלאך המות אין דער וועלט און ביי אַ מענטש זיינע פיס, די פיס פירען אים צו וואָס אַן אָרט ער באַדאַרף דאָרט שטאַרבן. בערג מיט טאָלן אין דער וועלט און בערג מיט טאָלן ביי אַ מענטש, ווען ער שטייט איז ער גלייך צו אַ באַרג און אַז ער פאַלט איז ער גלייך צו אַ טאָל.

**הא,** פון דאָ קענסטו אָפּלערנען, אַז וואָס השם יתברך האָט באַשאַפן אין דער וועלט האָט ער באַשאַפן אין דעם מענטש, צו מאַכן וויסן אַז דער מענטש איז די גאַנצע וועלט און פון זיינעטוועגן איז זי באַשאַפן געוואָרן. ווען ער איז פּוגם אין איין אבר פון זיינע איברים איז ער פּוגם אין דעם טייל וועלט, און ווען ער איז עובר אויף אַלע מצוות איז ער פּוגם און מחריב די גאַנצע וועלט, ווי עס איז געוועזן ביים דור המבול, וואָס האָבן געזאָגט צום אויבערשטן, קער דיך אָפּ פון אונז און דיין וועג ווילן מיר נישט וויסן, ווייל זיי האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן זיין געטליכן יאָך פון מצוות, צוליב דעם איז די וועלט חרוב געוואָרן.

**ומה,** און וואָס וועט דער מענטש ענטפערן אין דעם טאָג ווען השי״ת וועט אים שטעלן צום דין אויף דעם וואָס ער האָט געזינדיגט

פאַר אים און מחריב געווען דאָס וואָס השי"ת האָט באַשאַפן פאַר זיינעט וועגן אים צו באַגיטיגן.

**משל,** דאָס איז געגליכן צו אַ מלך וואָס האָט געגעבן צו זיין ליבהאָבער אַ שאַרפע שווערד ער זאָל מיט איר זיין געהיט פון די וואָס ווילן אים שלעכטס טאָן. איז ער געגאַנגען און מיט דער זעלבער שווערד קאַליע געמאַכט דעם קעניגליכן פּאַלאַץ, געהאַקט אויף די ווענט און צובראָכן זיינע זיילן. נו, איז דען פאַראַן אַ גרעניץ צו די שטראָף וואָס דער מלך דאַרף גוזר זיין אויף אים? אַזוי אויך דער מענטש, ווייל זיין באַשעפער האָט אַלץ געטאָן צו היטן זיין לעבן און האָט אים באַשטימט דאָס ער זאָל זיין דער עיקר פון אַלעמען, אַזוי ווי פריער איז געשטאַנען אַז דער מענטש איז אַן עולם קטן, אַ קליינע וועלט און מיט דעם גוטס וואָס השי"ת האָט אים געטאָן דערצערנט ער אים, קען דען זיין אַ כפרה פאַר דעם.

**ח. ועם,** און פונדעסטוועגן, מיט זיין גרויס חסד טוט ער מיט אים ווידער אויך גוטס. ווען דער מענטש טוט תשובה איז השי"ת אים מוחל און ער ווערט ריין אַזוי ווי ער איז געווען בשעת ער איז געבאָרן געוואָרן. זע ביי אדם הראשון וואָס השי"ת האָט אים אָנגעגרייט זיין שפּייז איידער ער האָט אים באַשאַפן, אלערליי גוטע שפּייז, און האָט פון אים אַרויסגענומען אַ ריפּ און האָט באַשאַפן חוה און האָט זי אויסגעצירט און האָט זי פאַר אים געשטעלט זי זאָל אים זיין אַ הילף און האָט געפלאַנצט אין עדן פון מזרח זייט אַ גאָרטן מיט אַלערליי ביימער וואָס דערויף וואַקסט אַזאַ עסנוואַרג וואָס איז גוט צו עסן און גלוסטיג צו זען כדי ער זאָל פון זיי הנאה האָבן און האָט אַראָפּגעשיקט מלאכים פון הימל זיי זאָלן אים באַדינען, האָבן זיי אים געבראָטן פלייש און האָבן אים ווין געטיילט, און נאָך דעם, אַז ער האָט אים געמאַכט געוועלטיגן איבער אַלעם גוטן, האָט ער אים געבאָטן גאָר אַ קליינע מצוה. ער זאָל פון דעם עץ הדעת נישט עסן, און אדם איז נישט בייגעשטאַנען דעם געבאָט און זיך צוגעהערט צו דער

עצה פון נחש הקדמוני, וואָס ער האָט געלעסטערט קעגן השי״ת, אַזוי ווי אונזערע חכמים ז״ל האָבן געזאָגט, אַז דער נחש האָט געזאָגט צו חוה, דער סדר איז, יעדער בעל מלאכה האָט פיינט אַן אַנדערן בעל מלאכה פון זעלבן סאָרט, און פון דעם בוים האָט ער געגעסן און האָט באַשאַפן וועלטן דעריבער זאָגט ער אייך אַז איר זאָלט נישט עסן כדי איר זאָלט נישט זיין אַזוי ווי ער.

**ולא,** און נאָך מער האָט אדם הראשון געטאָן. נאָך דעם ווי ער האָט געגעסן פון דעם עץ הדעת, האָט ער מעיז געווען קעגן אויבערשטן און האָט געזאָגט: די פרוי וואָס דו האָסט מיר געגעבן האָט מיר געגעבן און איך האָב געגעסן און וועל ווייטער אויך עסן. איז פאַראַן אַ גרעסערער עזות פון דעם? און אויסער דעם איז ער נאָך געווען אַ כפוי טובה מיט דעם וואָס ער האָט געזאָגט צום באַשעפער, די פרוי וואָס דו האָסט מיר געגעבן זי האָט מיר געגעבן, האָסטו מיר דערמיט נאָך אַ רעה געטאָן וואָס דו האָסט מיר באַשאַפן דאָס ווייב.

**הפך,** ער האָט דעם אויבערשטן נישט געהערט און האָט געטאָן וואָס זיין האַרץ האָט באַגערט, אַזוי ווי אונזערע חכמים האָבן געזאָגט, אַז אדם הראשון האָט געלייקנט אין אויבערשטן און האָט געמאַכט אַ גרויסן פגם אין אַלע עולמות און האָט גורם געווען דעם טויט אויף דער וועלט. איז דען פאַראַן אַ גרעסערער חוטא פון דעם, און פונדעסטוועגן, ווען ער האָט תשובה געטאָן פאַרן באַשעפער, האָט ער אים מוחל געווען אויף דעם אַלעמען און האָט מבטל געווען די גזירה וואָס ער האָט גוזר געווען, אַז אין דעם טאָג וואָס דו וועסט עסן פון עץ הדעת וועסטו שטאַרבן, און האָט אים נישט געטויט אינעם טאָג ווען ער האָט געגעסן, אַצינד זע ווי גרויס איז דער כח פון תשובה.

## אַ ביאור אויפ'ן מאמר חז״ל ״אחטא ואשוב״

**ט. ואם,** און אויב דער מענטש וועט זאָגן ווייל עס איז נישט פאַראַן קיין זאַך וואָס תשובה זאָל נישט העלפן דערויף, וועל איך

זינדיגן און תשובה טאָן. דערויף האָבן אונזערע חכמים געזאָגט: ווען איינער זאָגט איך וועל זינדיגן במזיד און וועל דערויף תשובה טאָן, שיקט מען אים פון הימל שטערונגען אַז ער זאָל נישט קענען תשובה טאָן. דער טעם איז ווייל די תשובה איז איין אַנטלויף-הויז פאַר דעם זינדיגער כדי ער זאָל זיך ראַטעווען, און די תשובה איז איין פירשפרעכער, אָבער אַז דער מענטש זינדיגט און פאַרלאָזט זיך דערויף וואָס ער וועט תשובה טאָן מאַכט ער דאָך די תשובה ווי אַ שורש פון זיינע עבירות, ווייל אויב ער וואָלט זיך נישט פאַרלאָזט אויף דער תשובה וואָלט ער נישט געזינדיגט, דעריבער ווערט די תשובה זעלבסט אַ מקטרג אויף אים, און וואו וועט ער אַנטלויפן בעטן הילף אַז ער וועט וועלן תשובה טאָן. נאָר אנשטאט דער מענטש זאָל זוכן אופנים ווי אַזוי ער קען זינדיגן און דערנאָך זיך מציל זיין פון דער עבירה דורך תשובה, זאָל ער בעסער טראַכטן אופנים אַז ער זאָל נישט זינדיגן. ער זאָל זיך פאָרשטעלן פאַר זיינע אויגן אַז די הנאה פון דער עבירה איז נאָר אַ רגע און זיין עונש דערפאַר וועט זיין פיל יאָרן, וואָס מען קען זיי גאָר נישט ציילן, אויך דורך זיין עבירה שאַדט עס אַנדערע.

**י. הבט,** זע וואָס עס שטייט ביי חוה, די אשה האָט געזען אַז דער בוים איז גוט צו עסן און גלוסטיג פאַר די אויגן און צו קלוגן, האָט זי גענומען פון זיינע פירות און האָט געגעסן און האָט געגעבן צו איר מאַן אויך, און ער האָט געגעסן. קומט אויס אַז ווייל זי האָט געגלוסט אַן עסנוואַרג וואָס זיין הנאה איז נאָר איין רגע, האָט דאָס גורם געווען אַ טויט פאַר איר און איר מאַן און צו אַלע מענטשן ביזן סוף פון אַלע דורות, און אויך צו אַלע בהמות, חיות און עופות. אַלע קללות וואָס זענען פאַרשאָלטן געוואָרן, און דער שאָדן וואָס זיי האָבן גורם געווען אין די זאַכן פון דער וועלט גופא, ווייל אַלע זאַכן זענען פאַרשאָלטן געוואָרן.

## דער מענטש דאַרף זיך באַמיען צו טוהן אַ מצוה וואָס ער פוילט זיך עס מקיים צו זיין, ווייל אויף דעם איז ער אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט

**ראה,** זע מיט דיינע אויגן וויפיל איין עבירה איז גורם, און אַז איין מענטש וועט דאָס אַלץ לייגן פאַר זיינע אויגן, וועט ער זיך באַרעכענען אַז לויט די גרויסקייט פון דעם שאָדן וואָס ער איז גורם מיט זיין זינד אַזוי גרויס איז זיין עונש, דאַן וועט ער זיך היטן פון זינדיגן, און אויב ער האָט שוין געזינדיגט זאָל ער דערויף תשובה טאָן, און אויב ער האָט זיך געפוילט מקיים צו זיין מצוות זאָל ער זיך פלייסן מיט זיין גאַנצן כח זיי מקיים צו זיין, און בפרט אַזאַ מצוה וואָס ער גלוסט צו איר מער ווי צו אַנדערע, איז ער זיכער דערויף מגולגל געוואָרן אויף דער וועלט, כדי ער זאָל די מצוה מקיים זיין, און אַז ער וועט זיך נישט שטאַרקן איר מקיים צו זיין, וועט ער מוזן נאָך עטלעכע מאָל מגולגל ווערן ביז ער וועט מקיים זיין די מצוה, קומט אויס אַז אַלעמאָל פאַרזוכט ער אַ טעם מיתה און פיל צער וואָס גייט איבער צו דער נשמה פון דער שרעק פונעם מלאך המות און צער פון חיבוט הקבר און נאָך אַזעלכעס, און זיין נשמה מאָנט פון אים פאַרוואָס ער ברענגט זי אַלעמאָל אין דעם צער ווייל זיין נשמה נייגט תמיד צו טאָן גוטס ווייל זי איז גענומען געוואָרן פון אַ הייליג אָרט, נאָר דער מענטש, מיט זיין בחירה, וועהלט זיך אויס צו טאָן עבירות און ברענגט איר אַריין אין אַלע שטראָפן.

**ואיך,** און פאַרוואָס פון איין איינציגע שעה וואָס ער האָט הנאה צו זיצן ליידיג און נישט מטריח זיין זיך מקיים צו זיין די מצוות, ברענגט ער אַריין זיין נשמה אין אַזעלכע עונשים און צער אַ לאַנגע צייט.

## דער מענטש דאַרף זיך אַרומקוקן ווי די רשעים זענען אַוועק פון דער וועלט און עס איז גאָרנישט געבליבן ביי זיי

**לכן,** דעריבער זאָל דער וואָס דער אויבערשטער האָט אים געלייטזעליגט אויגן צו זען און אַ האַרץ צו פאַרשטיין דאָס וואָס האָט זיך געטראָפן צו די רשעים וואָס זענען אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט און וואָס זיי איז איבערגעבליבן פון די תענוגים וואָס זיי האָבן נאָכגעיאָגט און פון די גוטע עסנוואַרג וואָס זיי האָבן געגלוסט און פון די שפּאַצירן וואָס זיי האָבן זיך דערינען באַהעפט און אין די גלוסטיגע רייד און שפּעטעריי וואָס זיי האָבן מיט זייערע ציין געשמוצט; און פון דעם פיל גוטס וואָס זיי האָבן איינגעזאַמלט און געכאַפּט און געגנב׳עט. איז דען געפונען געוואָרן ביי איינעם פון זיי אַז ער זאָל זיך מיטנעמען עפּעס דערפון אין קבר, נאָר ער גייט אַוועק פון דער וועלט מיט גרויס צער און פאַרשעמונג ווייל ער פאַרלאָזט די רואיגקייט וואָס ער איז דערמיט געוואוינט געוועזן און גייט צו טרויער אין אַן אָרט פון ערד און ווערים, עס ווערן אונטערגעבעט ווערים אונטער אים און ווערים באַדעקן אים און וואו זענען אַלע זיינע תענוגים און דאָס זיסקייט פון זיינע תאוות.

**בהביטך,** דו מענטש, אַז דו טוסט קוקן וואָס אויף אַנדערע איז איבערגעגאַנגען, פאַרוואָס טוהסטו נאָכיאָגן נאָך די אַלע זאַכן אָנצוזעטיגן די נשמה מיט ביטערקייט און איר איבערגעבן אין די הענט פון די מקטריגים, און פאַרוואָס זאָלסטו זיך נישט דערבאַרעמען אויף דיין נשמה און אויף דעם זיסן געשטאַלט פון דיין גוף, איבערצוגעבן אין זייערע הענט און אים אַריינצוואוואַרפן אין די ברענענדיגע קוילן און אין דעם צער פון גיהנום און שוואַרץ צו מאַכן און צו צושמעלצן אַזוי ווי סמאָלע צוגייט פאַר דעם פייער. דעריבער גיב דיר אַן עצה, אויסצוקלויבן אין דעם לעבעדיגן וועג, אין דער לערנונג פון תורה און מצוות, און אויך אַ ריינע מלאכה און מעגסט זיך מצער זיין אין אַ באַשטימטע צייט וואָס דאָס זענען דיינע יאָרן וואָס דו

לעבסט, כדי דו זאָלסט האָבן תענוג פיל צייט וואָס האָט גאָר קיין עק נישט.

## זאָלסט לערנען כאָטש דו פאַרשטייסט נישט וואָס דו לערנסט

**יג) ואַל,** עס זאָל נישט אויף גיין אויף דיין דיעה, ווי עס איז אויפגעגאַנגען אין די דיעה פון פיל מענטשן, וואָס זיי זענען דורך דעם פאַרלוירן געוואָרן ווייל זיי האָבן געזאָגט: איך פאַרשטיי אַז איך האָב קיין שכל צו פאַרשטיין די תורה דעריבער וועל איך נישט לערנען. דער איז זיך טועה דערינען, ווייל ער איז מחוייב צו טאָן וואָס ער איז געבאָטן געוואָרן, און אויב ער וועט פאַרשטיין וועט ער פאַרשטיין ווייל עס שטייט דאָך דו זאָלסט זיך מיען אין דער תורה טאָג און נאַכט, און עס שטייט נישט דו זאָלסט פאַרשטיין אין דער תורה, און דער תנא האָט אויך געזאָגט אויב דו האָסט געלערנט פיל תורה וועט מען דיר געבן פיל שכר, און ער זאָגט נישט אויב דו האָסט פאַרשטאַנען פיל תורה, נאָר זיי האָבן געזאָגט זאָלסט זיך פלייסן צו פאַרשטיין און אויב דו וועסט פאַרשטיין איז גוט און אויב נישט האָסטו שכר פאַר דיין לערנען, ווי דער תנא האָט געזאָגט: לויט דעם צער וואָס דו ביסט זיך מצער איבער דער תורה וועסטו האָבן שכר. און אויך האָבן זיי געזאָגט, דער מענטש וואָס לערנט נישט ווייל ער פאַרשטייט נישט, דאָס רעדט אים אָן דער יצר הרע.

**יתמיד,** זאָל ער לערנען מיט התמדה און צום סוף וועט ער אַוודאי פאַרשטיין ווייל אַז השי"ת וועט זען זיין גלוסטונג אין דער תורה וועט ער אים עפענען די קוואַלן פון חכמה אַזוי ווי עס שטייט: "דער אויבערשטער גיט קלוגשאַפט פון זיין מויל וויסנשאַפט און פאַרשטאַנד".

## דער מענטש דאַרף לערנען וואָס זיין האַרץ גלוסט מער, און אויף דעם קומט ער אויף דער וועלט

**והנני**, און איך וועל דיר איבערגעבן איין זאַך וואָס דו זאָלסט עס האַלטן, און דאָס וועט זיין אַ לעבן צו דיין נשמה און ווי צירונג צו דיין האַלז. אייביג זאָל זיין דיין עיקר לערנען אין אַזעלכעס וואָס דיין האַרץ גלוסט צו לערנען. אויב דיר גלוסט זיך צו לערנען גמרא, זאָלסטו לערנען גמרא, אויב דיר גלוסט זיך צו לערנען דרוש זאָלסטו לערנען דרוש, אויב רמז, זאָלסטו לערנען רמז, און אויב קבלה זאָלסטו לערנען קבלה. און אַ ראיה דערצו איז פון דעם פסוק "**כי אם בתורת ה' חפצו**", נאָר דו זאָלסט לערנען דעם אויבערשטנ'ס תורה, אַזעלכע זאַכן וואָס דיר גלוסט זיך, אַזוי ווי דער **אר"י** זלה"ה שרייבט אין ספר **דרושי הנשמות**, עס איז פאַראַן מענטשן וואָס גאָר זייער באַגער איז צו לערנען דעם פשוטן פשט פון דער תורה און עס זענען פאַראַן מענטשן וואָס זייער לערנען איז אין דרוש און אַזעלכע וואָס לערנען רמז און אַזעלכע וואָס זייער לערנען איז גימטריות און אַזעלכע וואָס זייער לערנען איז דער עיקר אין קבלה. דאָס איז אַלץ אויף וועלכן לערנען, ער איז אַצינד מגולגל געוואָרן ער זאָל דאָס לערנען, ווייל אין יענע גלגולים האָט ער משלים געווען יענעם לערנען, דאַרף ער עס היינט שוין נישט לערנען און ער דאַרף נישט לערנען אין יעדער גלגול אַלץ, נאָר וואָס עס גלוסט זיך אים מער, דאָס דאַרף ער לערנען.

**טו) ואל**, און זאָלסט נישט הערן די רייד פון מענטשן וואָס וועלן דיר זאָגן פאַרוואָס פאַרברענגסטו אַלע דיינע טעג מיט איין סאָרט לערנען און אויב דו וועסט זיי פאָלגן וועסטו מוזן נאָך אַמאָל מגולגל ווערן און איבערפירען דיין נשמה מיט דער שאַרפער שווערד פון מלאך המות און פאַרזוכן דעם טעם פון טויט, און דעריבער זאָלסטו נישט הערן די רייד פון דעם וואָס וויל דערמיט פאַרדאַרבן דיין נשמה.

**כי דע,** זאָלסט וויסן אַז דער שטן טוט זיך אָנקליידן אין די דאָזיגע מענטשן כדי אים אָפּצושיידן פון דעם לערנען, אַז זיין נשמה זאָל נישט קענען פאַרריכטן דאָס וואָס זי איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט צו פאַרריכטן כדי ער זאָל נאָך אַמאָל מגולגל ווערן.

## דער מענטש קומט אַראָפּ אויף דער וועלט צו טוהן די מצוה אויף וואָס דער יצר הרע איז זיך מער מתגבר אויף אים ער זאָל עס נישט טוהן

**טז) וכשם,** און אַזוי ווי אין דער זאַך וואָס דעם מענטש גלוסט זיך מער צו לערנען, קען ער פאַרשטיין אַז ער איז אויף דעם מגולגל געוואָרן דאָס צו פאַרריכטן, אַזוי דאַרף ער וויסן דעם שורש פון זיין נשמה פון וואָס פאַראַ אָרט זי קומט און אויף וואָס ער איז באַשאַפן געוואָרן צו פאַרריכטן. כדי ער זאָל דאָס פאַרשטיין זאָל ער זען אין וועלכע מצוה שטאַרקט זיך דער יצר הרע ביי אים אַממערסטן זי מבטל צו זיין, זאָל ער זיך שטאַרקן זי מקיים צו זיין, ווייל ער איז זיכער מגולגל געוואָרן כדי ער זאָל די מצוה מקיים זיין און דער יצר הרע שטעלט זיך קעגן אים זי מבטל צו זיין כדי ער זאָל עס נישט פאַרריכטן. און דאָס געפינסטו ביי די חכמים פון דער גמרא, אַז מיט זייער גרויס חכמה האָבן זיי פאַרשטאַנען וועגן וואָס פאַר אַ מצוה זענען זיי מגולגל געוואָרן כדי זי מקיים צו זיין, און האָבן די מצוה געהאַלטן בעסער פון אַלע מצוות, ווי די גמרא זאָגט אין מסכת שבת אַז רבי יוסף האָט געפרעגט ר׳ יוסף דעם זון פון רבה, אין וועלכער מצוה איז דיין פאָטער מער געוואָרנט געווען, האָט ער געזאָגט – אין דער מצוה פון **ציצית.** און אַ טייל פון זיי זענען געוואָרנט געווען אין אַנדערע מצוות ווייל זיי האָבן געוואוסט מיט זייער חכמה וועגן וואָס זיי זענען געקומען אויף דער וועלט צו פאַרריכטן.

## אַז מ׳לערנט נישט יונגערהייט, ווי קען מען דאָס פאַרריכטן אויף דער עלטער?

**יז) ואם,** און אויב עס האָט זיך געטראָפן אַ מענטש וואָס ער האָט נישט געלערנט אין זיינע יונגע יאָרן און האָט גענומען אַ ווייב און איז אַ מטופל מיט קינדער און האָט נישט קיין צייט צו לערנען, זאָל ער זיך נישט מייאש זיין צו זאָגן ווייל איך האָב נישט געלערנט האָב איך שוין קיין האָפענונג נישט, ער זאָל ח״ו אַזוי נישט טראַכטן ווייל דער מענטש האָט אַ האָפנונג דורך דעם וואָס ער הערט תורה פון אַ תלמיד חכם, ווייל דער וואָס הערט תורה איז גלייך ווי ער לערנט אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק ״**שמעו ותחי נפשכם**״, הערט תורה פון דעם תלמיד חכם וועט איהר בלייבן לעבן. דעריבער זאָל ער תמיד גיין הערן תורה פון די חכמים און אין דער צייט ווען אַ חכם דרש׳נט זאָל ער עס תמיד צוהערן דאָס מקבל צו זיין מיט גרויס חשק און זאָל זאָגן אין האַרצן עס זאָל זיין דער ווילן פון מיין באַשעפער און דעם באַשעפער פון מיינע עלטערן אַז דאָס וואָס איך הער אַצינד תורה זאָל מיר גערעכנט זיין גלייך ווי איך לערן אַליין ווייל איך זאָרג שוין פון לאַנג אויף דעם וואָס איך האָב נישט געלערנט, און זאָלסט מיר געבן זין וואָס זאָלן זיצן און לערנען טאָג און נאַכט כדי זיי זאָלן פאַרריכטן וואָס איך האָב נישט געלערנט, און בשעת זיי וועלן לערנען זאָל פאַר דיר גאָט גערעכנט זיין אַזוי ווי איך לערן, ווייל מיינע זין זענען דאָך אַ חלק פון מיר.

## ער זאָל זיך מוסר נפש זיין אַז זיינע קינדער זאָלען לערנען תורה

**יח. וישתדל,** און ער זאָל זיך פלייסן מיט זיינע זין אַז זיי זאָלען עוסק זיין בתורה און זאָל ליב האָבן תלמידי חכמים צו הערן פון זיי ווי אַזוי מען איז מקיים די מצוה און אויב ער איז אַן עושר זאָל ער פון זיין געלט געבן צו די תלמידי חכמים כדי ער זאָל זיך טיילן מיט דעם שכר פון זייער לערנען ווי זבולון מיט יששכר האָבן

געטאָן, שבט יששכר האָבן טאָג און נאַכט געלערנט און שבט זבולון האָבן זיי געגעבן פרנסה און האָבן געהאַט אַ חלק אין זייער לערנען.

**ואַל,** און ער זאָל נישט רחמנות האָבן אויף זיין געלט ווייל טאָמער וועט ער אַוועק פון דער וועלט מיט ליידיגע הענט און זיין גוטס וועט ער לאָזן צו אַנדערע און וואָס אַ הילף וועט אים זיין אַז אַנדערע וועלן האָבן תענוגים פון דעם גוטס וואָס ער האָט זיך געמוטשעט דערויף און האָט איינגעזאַמלט און ער איז אין גיהנום.

## אַן עושר זאָל אויסהאַלטן מיט זיין געלט אָרעמעלייט און תלמידי חכמים

**יט) ואם,** און אַז דער עושר וועט וועלן זאָגן, נישט אומזיסט האָט מיך דער אויבערשטער רייך געמאַכט, מן הסתם בין איך געליבט און מיט דעם געלט וועל איך מיר אָנטאָן אַלערליי תענוגים, ווייל פאַרוואָס נישט, דער אויבערשטער האָט מיר געגעבן פיל געלט, און איך זאָל פון דעם קיין הנאה נישט האָבן?

**ישים,** ער זאָל אַליין פאַרשטיין אַז ער איז זיך טועה ווייל ער ווייסט דאָך אין זיך וואָס פאַראַ שלעכטע מעשים ער האָט געטאָן, נו, ווי געשיקט זיך דאָס אַז דער אויבערשטער האָט אים רייך געמאַכט ווייל ער האָט אים ליב, ער ווייסט דאָך אַליין אַז ער האָט געטאָן פיל עבירות און עס איז מעגליך אַז השי״ת האָט אים פיינט פאַר זיינע שלעכטע מעשים, נאָר ער האָט געטאָן איין מצוה און דער באַשעפער איז נישט מקפח שכר פון קיין באַשעפעניש, דעריבער האָט ער אים רייך געמאַכט און אים באַצאָלט דעם שכר פון דער מצוה אויף דער וועלט, כדי ער זאָל נישט האָבן קיין עולם הבא.

**או,** אָדער פאַרוואָס זאָל דער עושר נישט זאָגן אַזוי, אַז השי״ת מיט זיינע פיל חסדים האָט זיך איבער אים דערבאַרעמט און האָט אים רייך געמאַכט, ווייל גאָט האָט געזען אַז ער האָט קיין שום מצוה נישט געטאָן מחמת זיין אָרעמקייט, האָט השי״ת אים דעריבער רייך

געמאַכט, כדי ער זאָל מקיים זיין מצוות און דורך דעם קענען פאַרריכטן זיין נשמה.

### פאַרוואָס האָט מען געגעבן דעם עושר עשירות?

**כ. נמצא,** קומט אויס אַז דאָס עשירות ווערט געגעבן אויף איינע פון צוויי אופנים, אָדער כדי דער עושר זאָל אָפּנעמען דעם שכר פון זיינע מצוות אויף דער וועלט און זאָל קיין עולם הבא נישט האָבן, אָדער כדי ער זאָל דורך דעם געלט זיך קויפן עולם הבא. דעריבער זאָל דער עושר זיך אַליין משפט'ן און זאָל זאָגן, אויב דאָס עשירות איז כדי איך זאָל אָנווערן דורך דעם עולם הבא דאַרף איך צו מערן אין תורה און אין מצוות און צדקה געבן און אויסלייזן מיין לייב פון דעם גיהנום, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק "**כופר נפש איש עשרו**", אַ מענטש קען אויסלייזן זיין לייב פון דעם גיהנום דורך זיין עשירות און אויב דאָס עשירות איז געגעבן געוואָרן צו פאַרריכטן דורך דעם מיין נשמה דאַרף איך אַזוי צו טאָן מקיים צו זיין די תורה און מצוות מיט מיין עשירות.

### אויב דער עושר טוט נישט וואָס ער דאַרף, נעמט מען אים צו דאָס עשירות. – אַן אינטערעסאַנטע מעשה.

**כא) גם,** אויך זאָל ער טראַכטן אין זיין האַרץ, אַז השי"ת האָט אים רייך געמאַכט צו מאַכן אים פאַר אַן אַפּוטרופּוס איבער אָרעמעלייט, און אויב ער וועט נישט זיין קיין גוטער אפּוטרופּוס און וועט אויפעסן די אָרעמעלייט'ס געלט, וועט אים דער אויבערשטער מאַכן אויס אַפּוטרופּוס און וועט מאַכן אַנדערע אַנשטאָט אים, אַזוי ווי עס שטייט (אין ילקוט רות), אויף דעם פסוק "**יתן ה' את האשה**", עס האָט זיך געטראָפן, אַז אַ חסיד איז געוואָרן אַן אָרימאַן, און זיין ווייב איז זייער ערליך געווען. צום סוף איז ער אַזוי אָרים געוואָרן, ביז ער האָט זיך פאַרדינגען צו אַקערן אין פרעמדע פעלדער. איין מאָל האָט ער געאַקערט אין אַ פעלד, האָט זיך אליהו הנביא באַוויזן צו אים אין

געשטאַלט פון אַן אַראַבער, און האָט אים געזאָגט, עס זענען פאַראַן פאַר דיר זיבן גוטע יאָרען, ווען ווילסטו זיי האָבן, אַצינד אָדער אויף דער עלטער? האָט דער חסיד צו אים געזאָגט, דו ביסט אַ כשוף-מאַכער און ווילסט אפשר איך זאָל דיר דערפאַר עפּעס געבן, איך האָב דיר נישט וואָס צו געבן, גיי דיר צו פרידן, ווייל דער חסיד האָט נישט געוואוסט אַז דאָס איז אליהו הנביא, און אליהו הנביא איז אַזוי געקומען צו אים, ביז דריי מאָל. צום דריטן מאָל, האָט דער חסיד צו אים געזאָגט, איך וועל גיין אַן עצה האַלטן מיט מיין ווייב, איז ער געקומען צו זיין ווייב און האָט איר געזאָגט, איינער איז געקומען צו מיר שוין דריי מאָל און האָט מיר געזאָגט, עס איז פאַראַן פאַר דיר זיבן גוטע יאָר, ווען ווילסטו זיי האָבן, אַצינד אָדער אויף דיין עלטער, בכן, ווי זאָגסטו? — האָט זי צו אים געזאָגט, גיי און זאָג אים איך וויל זיי אַצינד. האָט דער חסיד אים אַזוי געזאָגט. האָט אליהו געזאָגט דעם חסיד: גיי אַהיים און איידער דו וועסט נאָך אָנקומען צו דעם טויער פון דיין חצר וועסטו שוין זען אַ ברכה אין שטוב. דערווייל האָבן זיינע קינדער זיך געזעצט צו זוכן מיט די הענט אין ערד און האָבן געפונען געלט וואָס זיי האָבן דערפון געהאַט צו שפּייזן זיך זיבן יאָר. האָבן זיי גערופן זייער מוטער און האָבן איר עס דערציילט. ווען דער חסיד איז געקומען, איז דאָס ווייב אים אַקעגנגעגאַנגען און האָט אים דערציילט, האָט דער חסיד תיכף געלויבט השי״ת. האָט זיין ווייב געזאָגט צום מאַן, אַז השי״ת האָט אונז אַזאַ חסד געטאָן און האָט אונז געגעבן געלט, לאָמיר דערמיט טאָן גמילות חסד אין די דאָזיגע יאָרן, טאָמער וועט אונז השי״ת נאָך שענקן דאָס געלט אויף לענגערע יאָרן. האָט זי געזאָגט צו איר קליינעם זון, שרייב אויף וואָס מיר געבן אַוועק פאַר צדקה. צום סוף פון די זיבן יאָר איז אליהו געקומען און האָט געזאָגט: עס איז געקומען די צייט אָפּצונעמען דאָס עשירות. האָט דער חסיד געזאָגט, ווען איך האָב עס גענומען האָב איך עס אַנדערש נישט געוואָלט נעמען נאָר מיט מיין ווייב׳ס ידיעה, און אַצינד וועל איך אויך

נישט טוהן אָן מיין ווייב׳ס ידיעה. האָט דער חסיד געזאָגט צו זיין ווייב, אַז דער אַלטער מאַן איז געקומען אָפּנעמען זיין געלט. האָט זי געזאָגט, זאָג אים, אַז אויב ער האָט געפונען ערליכערע מענטשן פון אונז, געב זיי אָפּ דיין פּקדון. האָט השי״ת געזען זייערע רייד און זייער גמילות חסדים וואָס זיי האָבן געטאָן און האָט זיי נאָך מער גוטס געגעבן.

## מיט געבן צדקה קויפט זיך דער עושר עולם הבא, און מען איז אים מוחל אַלע עבירות

**כב. הרי,** שטייט דאָך דאָ בפירוש, אַז דעם עושר האָט דער אויבערשטער געמאַכט פאַר אַן אפוטרופוס פאַר די אָרימעלייט, און אַז השי״ת זעט אַז ער עסט אויף דאָס געלט נעמט ער צו דאָס עשירות פון אים און גיט עס צו אַנדערע. דעריבער, דער עושר וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן שכל, זאָל ער טראַכטן אַז מיטן געלט וואָס איז געגעבן געוואָרן אין זיינע הענט קען ער זיך קויפן עולם הבא און אָפּטאָן פון זיך אַלע מקטריגים און אָפּוואַשן פון זיין נשמה אַלע פלעקן – עבירות, וואָס זענען באַהעפט אין אים, און זיי ווייס מאַכן אַזוי ווי שניי, ווי עס שטייט אין פּסוק ״**אם יהיו חטאיכם כשנים**״, ווען אייערע עבירות וועלן זיין אַזוי ווי רויטע פאָדים, ״**כשלג ילבינו**״, וועלן זיי ווייס ווערן ווי שניי.

**ואיך,** און וויאַזוי זאָל זיך דער מענטש גרויסהאַלטן מיט אַזאַ געלט וואָס איז נישט זיינס, און אין דער וועלט, וואָס דער מענטש איז אין אים נאָר ווי אַ שאָטן וואָס גייט אַוועק, היינט איז דער מענטש דאָ און מאָרגן ווערט ער געפירט אין קבר. און פאַרוואָס זאָל דער עושר נישט האַלטן פאַר זיינע אויגן די חכמה פון שלמה המלך ע״ה און זיין עשירות, וואָס ער איז קליגער געווען פון אַלע מענטשן אויף דער וועלט און איז אַזוי רייך געווען, אַז זילבער איז גאָרנישט חשוב געווען אין זיינע טעג. און השי״ת האָט אים געמאַכט געוועלטיגן איבער די אויבערשטע שרים און איבער די אונטערשטע באַשעפענישן און האָט

געקוקט פון איין עק וועלט ביז דעם אַנדערן עק וועלט, און אַלע בהמות און חיות און עופות און שדים און רוחות זענען אלע געווען אונטערטעניג צו דינען אים, און אַלע מלאכים האָבן אים געהאָרכט, אַזוי ווי אין תרגום שני שטייט. און ווען ער האָט האָט שוין געהאַט די אַלע מעלות, האָט ער זיך פּאָרט נישט גרויסגעהאַלטן און איז אונטערטעניג געווען פאַר זיין באַשעפער צו דינען אים מיט זיין גאַנצן הארץ און מיט זיין גאַנצן לייב, און האָט זיך מטריח געווען צו דערקענען אים, אַזוי ווי זיין פאָטער דוד האָט אים געבאָטן: "**דע את א-להי אביך**", ווייס דעם גאָט פון דיין פאָטער, אַז ער איז נאָר איין גאָט, "**ועבדהו**", און דין אים. און ער האָט פאַרבראַכט אַלע זיינע טעג אין חכמה און האָט געמאַכט פיל ספרים און האָט אין זיי אַנטפּלעקט פאַרבאָרגענע זאַכן און האָט מקיים געווען אלע מצוות, דעריבער האָבן אונזערע חכמים געזאָגט אַז דער וואָס זאָגט שלמה המלך האָט געזינדיגט דער איז זיך גאָר טועה.

## שלמה המלך ע"ה האָט איבערגעלאָזט זיין גאַנץ עשירות אויף דער וועלט, און האָט מיט זיך נאָר מיטגענומען זיין גאַנצע נשמה

**כג) ועם**, און מיט זיין עשירות און זיינע מעלות, איז ער פּאָרט פון דער וועלט אַוועק אָן דעם עשירות, און האָט מיט זיך מיטגעפירט נאָר זיין גאַנצע נשמה, וואָס ער האָט זיך מתקן געווען דורך זיין עשירות, און פאַרוואָס דען געדענקען און דערמאַנען אַלע מענטשן פון דער וועלט זיין חכמה און זיין עשירות און לויבן זיין נאָמען, דאָס איז נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט זיך געקויפט עולם הבא דורך דעם און האָט זיך אָנגעגרייט אַ הויך אָרט אין גן עדן, און זיין פיל חכמה האָט ער נאָר גענוצט צו זעטיגן זיין נשמה, און זיינע ספרים און זיין מוסר איז איבערגעבליבן, צו מתקן זיין אַנדערע מענטשן.

**ווען נישט שלמה המלך ע"ה וואָלט געשריבן די דריי ספרים, וואָלט מען היינט גאָרנישט געוואוסט אַז עס איז אַמאָל געווען שלמה המלך, ווי ער זאָגט אין קהלת "ויותר מהמה בני הזהר עשות ספרים הרבה אין קץ"**

**כד) שאם,** אָבער ווען ער וואָלט פאַרברענגט זיין צייט אויף תענוגים פון גוף, און ער וואָלט נישט געקויפט דערמיט שלימות צו זיין נשמה, כאָטש ער איז געווען קלוגער פון אלע חכמים און רייכער פון אלע עשירים, ווען ער איז געשטאָרבן האָט ער דאָך אַלץ געמוזט לאָזן דאָ, ווער וואָלט פון אים געדענקט און ווער וואָלט אים דערמאַנט צו גוטן און ווער וואָלט דערציילט זיין גרויסקייט, אַז דערפון קען מען זיך נישט אָפּלערנען קיין שום גוטע זאַך, זיי ווען אומזיסט פאַרברענגען די צייט.

**לא,** אָבער נישט אַזוי, ווען ער האָט אַלע זיינע טעג עוסק געווען פאַר זיין נשמה, ווי עס איז געשריבן אין זיינע דריי ספרים, וויאַזוי מען זאָל באַגיטיגן די נשמות, ווי מען זאָל האַלטן די תורה און מצוות. דערפאַר לערנט יעדער מענטש אין זיי און געדענקט אים און זאָגט געבענטשט זאָל זיין דער וואָס האָט אונז געפירט אין ריכטיגן וועג.

**דו עושר! גיב אַכטונג אַז דיין עשירות זאָל נישט זיין דיין גרעסטער שונא, אַז פון דיינע וועלדער און ביימער זאָל מען נישט אָפּהאַקן צו מאַכן גרעסער דיין פייער אין גיהנום.**

**כה) ואתה,** און דו, רייכער מאַן לייגט דאָס אַלץ פאַר דיינע אויגן און לאָז דיין געלט נישט זיין אַ האַק אָפּצוהאַקן אלע ביימער פון וואַלד, גרויס צו מאַכן דעם פייער אין גיהנום עס זאָל ברענען תמיד צו בראָטן יעדעס שטיק פון דיין גוף און צו מערן רויך כדי בלינד צו מאַכן דיינע אויגן און שוואַרץ מאַכן דאָס געשטאַלט פון דיין פנים, און זאָלסט דיר נישט קויפן מיט דעם געלט מקטריגים, זיי זאָלן אין דיר נקמה נעמען וואָס קיין מזיק און קיין פאַרדאַרבער קען

נישט טאָן, און צו גראָבן טיפע גרובער פאַר דיר זעלבסט ביז אין דעם גרויסן תהום אַריין, וואָס עס זאָלן זיך אַפילו איינזאַמלען אַלע אַרבעטער פון דער וועלט און זאָלן גראָבן ווי לאַנג די וועלט שטייט, וואָלטן זיי נישט געקענט גראָבן אַזאַ טיפן גרוב, און מיט דיין געלט וועסטו עס יאָ גראָבן, דו זאָלסט זיך אַליין דערינען אַריינוואַרפן, אַז דו וועסט שטאַרבן, און דאָרט אַרום וועסטו שוועבן, צו גיין צו די מורא׳דיגע יסורים וואָס מען וועט דיר אָנטאָן.

**ומה,** און וואָס פאַר אַ זכר וועסטו דיר איבערלאָזן, וועסטו וועלן זאָגן, אַז מען וועט דיך געדענקען צוליב די ברונעם וואָס דו האָסט געמאַכט, וועגן די בנינים וואָס האָסט געבויט און וויינגערטנער וואָס האָסט געפלאַנצט און די טייערע קליידער וואָס האָסט אָנגעקליידעט, וואָס פאַר אַ הילף וועט דאָס זיין פאַר דיר אַז דו וועסט ליגן אין גיהנם, וועט דען דאָס דיר קענען העלפן פון דעם גיהנום צו געבן מנוחה צו דיין לייב, ניין.

**צו** דער זעלבער צייט וואָס מען וועט דיך געדענקען צוליב די ליבליכע ווערק וואָס האָסט זיך מטריח געווען אין זיי, דעמאָלט וועט דיין לייב וויינען און שרייען מיט ווייטאָג און קלאָג און עס וועט נישט זיין קיין הילף, פאַר דעם וואָס השי״ת האָט זיך מיט דיר מטריח געווען צו באַשאַפן דיך אין דיין מוטערס בויך און צו היטן דיך ניין חדשים, דו זאָלסט נישט ארויס אַ נפל. און האָט דיך אויפגעצויגן אויף דער וועלט בשלום, און האָט מיט דיר גרויסע חסדים געטאָן אין דיין גאַנץ לעבן, און האָט דיך געמערט פון זיין רייכקייט דיך גרויס צו מאַכן, און דו האָסט זיך פאַר זיין כבוד גאָר נישט מטריח געווען, און מיט דעם גוטס וואָס ער האָט דיך באַגוטיגט האָסטו אים דערמיט דערצערנט און האָסט נישט געפרעגט אויף זיינע מצוות צו גיין אין זיינע זיסע וועגן, ווי עס שטייט אין דער תורה און דו זאָלסט גיין אין זיינע וועגן אַזוי ווי ער איז אַ דערבאַרעמדיגער אַזוי זאָלסטו זיך אויך דערבאַרעמען איבער

אָרימע לייט, ווייל ער האָט דיר מער אָנגעברייט פון אַנדערע מיט עשירות און נכסים.

**ולמה,** און פאַרוואָס זאָלסטו דיר נישט קויפן מיט דיין עשירות איין רעכט-געמויערט הויז אויף דעם אייביגן עולם, דאָס מיינט, פאַרוואָס זאָלסטו דיר מיט דיין עשירות נישט קויפן עולם הבא און זאָלסט דיר אָנגרייטן קנעכט זיי זאָלן דיך באַדינען, דאָס זענען די מליצי-יושר וואָס ווערן באַשאַפן דורך דיינע גוטע מעשים און דורך דעם וואָס גייט אַרויס פון דיין מויל בשעת דו ביסט מנחם אבלים, אָדער דו רעדסט גוטע רייד צו אָרימעלייט און צו די וואָס האָבן אַ צובראָכן געמיט, און אַז דו האָסט מקיים געווען אַלץ וואָס איז אויף דיר אַרויפגעלייגט געוואָרן צו טאָן פאַר דיין טובה, כדי אַרויסצוגיין פון דעם עולם און צו שוועבן אין הימל אריין, צו דעם הויז פון זענעפטיגקייט צו דיין נשמה, וועט דיך נישט גרייכן קיין שום בייז באַגעגעניש, אַלע ווערלן אַנטלויפן פאַר דיר ווייל זיי ווערלן זיך פאַרכטן זיי זאָלן נישט פאַרברענט ווערן פון דעם פייערדיגן פלאַם פון דיין ריינע נשמה, ווייל דו האָסט געדינט דיין באַשעפער וואָס ער איז געגליכן צו אַ ברענענדיג פייער.

## אַ תשובה פאַרן יצר הרע וואָס רעדט אים איין אַז ער קען זיך נישט אויסאַרבעטען און אָנקומען צו די העכסטע מדריגות

**כו. ונחזור,** און לאָמיר זיך אומקערן צו די שטראָף-רייד וואָס רירן-אָן אַלע מענטשן גלייך, סיי דעם עושר און סיי דעם אָרימאַן, וואָס זיי זאָגן, ווי קען דער מענטש וואָס ער איז פון ערד, לייטערן זיך אַרויפצוגיין אויף די אויבערשטע מעלות און צו פאַרשטיין מיט שכל פאַרהוילענע זאַכן, קען דען שוואַרץ איבערגעקערט ווערן צו ווייס, אַ שטיין זאָל איבערגעקערט ווערן צו אַ דימאַנט, אַזוי איז נישט געמאָלט אַז אַ מענטש וואָס זיין גרונט איז פון ערד, צו פאַרקערן זיך צו

אַ רוחניות'דיגע זאַך ווי די מלאכים. דאָס איז אַלץ נאָר דאָס איבערערעדונג פון דעם יצר הרע וואָס ער פאַרשטעלט די אויגן פון זיין שכל.

**דלא,** ווייל איינס צום אַנדערן איז נישט גלייך. דער מענטש איז געגליכן צו אַ דימאַנט שטיין, וואָס אין דער צייט וואָס זיי ווערן אויסגעהאַקט פון זייער אָרט לייכטן זיי נישט, ווייל דער זשאַווער ליגט אויף זיי, אָבער אַז דער בעל מלאכה באַמיט זיך מיט זיי אַראָפּצונעמען דעם זשאַווער און די קליפּה דערפון, דעמאָלט אַנטפּלעקט ער דעם טייערן שטיין וואָס איז געווען אונטער דעם פאַרדעקט און טוט לייכטן מיט זיין שיינקייט און עס טוט פינקלען די אויגן, אַזוי איז גלייך דער מענטש, די נשמה וואָס איז אין אים דאָס איז דאָס טייערע שטיינדל און דער גוף וואָס רינגלט זי אַרום דאָס איז די קליפּה און די בעלי מלאכות וואָס זענען עוסק צו רייניקן די קליפּה דאָס זענען די תורה און מצוות, ביז מען אַנטפּלעקט דעם גלאַנץ פון דעם ברילאַנטן שטיין, דאָס איז די ריינע נשמה.

**צדיקים האָבן זיך אויסגעאַרבעט און זענען אַרויף לעבעדיגערהייט אין הימל, און אַנדערע וואָס זייער גוף איז נישט פאַרפוילט געוואָרן אין קבר, ווייל זיי האָבן זיך אויסגעאַרבעט**

**כז. הבט,** קוק זיך צו אויף חנוך און אליהו און משה רבינו ע"ה וואָס זענען לעבעדיגערהייט ארויף אין הימל און זענען אריינגעגאַנגען אין פלאַם פייער. צו חנוך איז געגעבן געוואָרן די מעלה ער זאָל זיין דער הויפּט פון אַלע מלאכים; צו אליהו, ער זאָל זיין דער מלאך הברית; צו משה, ער זאָל מלחמה האַלטן מיט די שטאַרקע מלאכים און זיי מנצח זיין, און אַראָפּגעבראַכט די תורה פאַר אידן. און פיל צדיקים וואָס חז"ל דערציילן אונז אַז זיי זענען אַריין אין גן עדן מיט זייער גוף און נשמה, ווי אליעזר עבד אברהם און ר' יהושע בן לוי.

אויך זענען פאַראַן פיל צדיקים, וואָס זענען נישט אַריין לעבעדיגערהייט אין גן עדן נאָר זיי זענען באַגראָבן אין זייערע קברים און קיין פוילונג געוועלטיגן נישט איבער זיי מחמת זייער גוף איז איבערגעקערט געוואָרן צו אַ קלאָר ליכט און באַלייכט די נשמה און קיין פוילקייט קען נישט געוועלטיגן איבער זייער גוף ווייל ער איז געוואָרן אַ כוח-רוחני.

**הרי,** זעען מיר דאָך, אַז דער מענטש, כאָטש ער איז בלוט און פלייש איז ער בכוח אויסצולייטערן זיין גוף און אים ברענגען צו אַ הויכער מעלה וואָס איז נאָר רוחני. דאָס קען נאָר זיין אויב ער איז עוסק אין תורה און מצוות, ווייל דורך דער טירחא וואָס ער איז עוסק אין תורה און מצוות, ווערט אָפּגעריבן פון אים דאָס שלעכטקייט פון דעם חומר. דען דער שווייס וואָס ער שוויצט בשעת ער איז עוסק אין תורה און מצוות דאָס צערייבט דאָס גראָבקייט פונעם גוף און לייטערט אים אויס, אַזוי ווי די זון וואָס מיט איר גרויסע היץ שלאָגט זי אין די ערטער וואו מען געפינט דאָרט גאָלד אין דער ערד, און די זון מיט איר היץ מאַכט פון ערד גאָלד. אַזוי איז אויך די דערהיצונג וואָס קומט דורך תורה, וואָס איז געגליכן צו אַ פייער, און דורך דעם וואָס ער איז עוסק אין מצוות קערט דאָס איבער דעם גוף צו אַ כוח-רוחני. דאָס אַלץ זאָל דער מענטש דענקען, ער זאָל נישט אָפּטאָן זיין האַרץ פון טראַכטן תמיד אין די גוטע זאַכן, וועט ער זוכה זיין צו זען די זיסקייט פון גאָט און זיצן אין זיין פּאַליש, דאָס איז עולם הבא.

**כי,** ווייל דער וואָס האָט ליב חכמה, האָט ליב שטראָף-רייד; און דער וואָס האָט ליב שטראָף-רייד, האָט ליב תורה; און דער וואָס האָט ליב תורה, האָט ליב יראה; און דער וואָס האָט ליב יראה, האָט ליב אהבה און אהבה ברענגט אים צו פאָרשן דעם אויבערשטנ׳ס וועג זיך צו באַהעפטן אין אים, און דינען אים מיט זיין גאַנצן האַרץ און לייב, און זיך מוסר-נפש זיין אויף קידוש השם, ווייל די ליבשאַפט פאַרבייגט די אָרדענונג. און ווייל ער באַהעפט זיין ליבשאַפט אין באַשעפער האָט

ער קיין זאָרג נישט וועגן געזונט פון זיין גוף און אויך נישט וועגן דעם אַז זיין געשטאַלט ווערט שוואַרץ ווייל ער לערנט תורה, און אויך נישט אויף זיין גוף צו פאַרדאַרבן אים אויף קידוש השם. אדרבא, דאָס איז אים נאָך אַ שמחה, אזוי ווי ר' עקיבא ווען מען האט געקעמט זיין פלייש מיט אייזערנע קאַמען און ער האָט זיך נאָך געפרייט דערמיט, ווי אונזערע חכמים דערציילן. און נאָך פיל צדיקים וועלכע זענען אומגעקומען אויף קידוש השם און האָבן זוכה געווען צו האָבן אין גן עדן אַ הויך אָרט, וואָס קיין שום באַשעפעניש קען אַהין נישט קומען, און דאָס איז נאָר וועגן דעם, וואָס זיי האָבן געגלוסט צום אויבערשטן, זינט זיי זענען געקומען צום שכל ביזן טויט. זייער זכות זאָל מגין זיין אויף אונז און אויף אַלע אידן, אמן ואמן.

❀ ❀ ❀